STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10913

25 FOLKS-LIDER

Eliahu Kaplan

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נאָכדרוק פערבאָטן.

25 פאָלקס-לידער



פערפאַסט פון דיכטער און רעדנער

אליהו לייב קאַפלאַן

ריגע.

ELIJAS KAPLANS.

Tautas dziesmas

25 פאָלקס לידער

פערפאַסט פון

דיכטער און רעדנער

אליהו לייב קאפלאן

ריגע.

געדרוקט אין דרוקעריי „ספלענדיד" ריגע, הערן גאַס 21

אינהאלט.

1 פאָררעדע.

2 דער אידעלע.

3 די מענטשהייט.

4 די פייגעלעך.

5 דער יוגנט.

6 דער יאָר.

7 דער עראָפּלאַן.

8 דער רובל.

9 א בריוו פון אן אָרעמאַן צו גאָט.

10 דער באַנקראָט.

11 דער שדכן.

12 דער פאַרצרה'טער.

13 דעם קויפמאַנס צרות.

14 די אַלטע מיט די נייע וועלט.

15 הערן און דאַמען.

16 דאַמען און הערן.

17 פסח.

18 שבועות.

19 תשעה באב.

20 ראש השנה.

21 דער שופר.

22 סכות.

23 שמיני עצרת.

24 חנוכה.

25 פורים.

פארערדע.

1

אזוי ווי ס׳איז ניט גוט, אַ מענטשן אָן נחמה
אזוי איז ניט גוט אַ שרייבער אָן הקדמה
קודם-כל, אַז מ׳קוקט אַריין, אין די הקדמה
אַזוי באַקומט מען גלייך, אַ נייע נשמה

2.

אַן אָרעמאַן, ווייסט פון אַ גוטן טאָג אַז ער האָט פיבער
ווען ווייסט אַ שרייבער, אַז ער מאַכט אַ חבור
דעריבער, שרייב איך ניט זייער שטראַג
אום איך זאָל אויך וויסן פון א גוטן טאָג

3.

איך שרייב, מיינע געדיכטן
מ׳זאָל עס אָבער ניט פאַרלאסן
אום דאָס פאָלק, זאָל זיך פאַריכטן
דאָס וועט אויך, מאנכן מענטשן פאַסן

4.

ס׳וועט אופפרישן, דעם מענטשנס לעבן
דערביי וועט קיינער ניט פאַרלירן
ס׳וועט מאַנכען איינעם אַ לערע געבן
ווי ער זאָל זיך, אַף דער וועלט פירן

5.

מ'דאַרף נאָר גוט באַטראַכטן
דאָס איך מיין ניט קיין געשאַנק
איר וועט דאָס ניט פאַראַכטן
ווייל איך מיין אויך ניט קיין דאַנק

6.

איך דריי מיין קאָפּ, מאַטער אַלע גלידער
ווייל מיט געדאַנקען, בין איך ניט רייך
איך ארבעט, נאָר פאַר אייך ברידער
די זעלבע, נוץ איך אויס פאַר אייך

7.

איך בעט נאָר באַ גאָט גיב
אַז מיינע רייד, זאָל באַ אייך בלייבן
אַזוי ליבע ברידער, נעמט פאַר ליב
נעמט אויך פאַר ליב, מיין שרייבן

8.

ליבע ברידער, און שוועסטער
איך האָב, מיט פרייד געשריבן
מיין פרייד, איז דעריבער דער גרעסטער
ווייל מיין פאָלק, טו איך הערצליך ליבן

דער אידעלע.

1.

איך אידעלע, איך אידעלע, איך לעב אין לײדן
פון גרעסטן זאָרט
דערפאַר װעל איך זיצן אין גן-עדן
אַף א הײכן אָרט

2.

איך אידעלע, איך אידעלע, האָב ירושה פון זײדן
אַז איך זאָל גײן, אַלע טאָג אין שול
דערפאַר װעל איך האבן אין גן-עדן
א גאָלדערנעם שטול

3.

איך אידעלע, מיר װעלן אַלע באַנײדן
אַז ס'װעט זײן קײן קאטאָװעס
װי איך װעל זיצן אין גן-עדן
צװישן אַלע אָבות

4.

איך אידעלע, כ'בין זײער באַשײדן
מיט אַלע דקדוקים
דערפאַר, װעל איך זיצן אין גן-עדן
צװישן אַלע צדיקים

5.

איך אידעלע האָף, אַף דאָס וואָס ס׳וועט זיין
און דערביי בין איך זייער פרייליך
ווייל איך וועל קומען אין הימל אַריין
באַ דוד המלך

6.

די שונאי ישראל, אַף מיר די ציינער שאַרפן
ווייל איך דעם נאָמען אידעלע האָב
כ׳וועל אים אָבער, ניט פאַרוואַרפן
כ׳וועל אים טראָגן ביז אין גראָב

7.

דער נאָמען אידעלע, איז באַ מיר טייער
ווייל איך וועל אים, דאָרטן... פאַרגעפינען
באַ מיר איז רעכט, כ׳זאָל מיר וואַרפן אין פייער
אויך ווי אברהם אָבינען

8.

אַף מיין נאָמען אידעלע, קען איך זאָגן
אַז דאָס איז אַ גאָלדערנע פאָנע
און איך וועל אים טראָגן
ביז אַחר מאה שנה

די מענטשהייט.

1.

די מענטשהייט, מוז מען היטן
נור קיין שלעכטעס בערירן
דען קומט מען צו גוטע זיטן
און מ׳קאָן זיך, מיט די וועלט גוט פירן

2.

זוך דיין גליק, אויב קאָן ווייטן
פערלאַנג אָבער ניט, צו פיל
בעניידע אָבער ניט דעם צווייטן
דען קומסטו, צום ריכטיגן ציל

3.

אַלער אַנפאַנג, נור וואָס קליינעס
זוך דיר פון אַלע זייטן
זיי נור צופרידן מיט דאָס, וואָס דיינעס
און פאַרלאַנג נור ניט, פון צווייטן

4.

ערליך לעבן, איז א גוטע זאַכע
ווען דער צווייטער, האָט דיר וואָס געטאָן
זאָ נעם דו פון אים קיין ראַכע
בעדיינק, וואָס אַרויס קומט דאַפאָן

5.

אזוי האָבן מיר, די וועלט געפונדן
די וועלט איז, גרויס און שיין
איינער צום צווייטן איז פאַרבונדן
דער מענטש, לעבט ניט פאַר זיך אַליין

6.

די מענטש, ברויך אָבער קיין וואוט
דען ניט שטענדיג האָסטו רעכט
דיינק אָבער אַז ניט אייביג איז גוט
און אויך ניט אייביג, איז שלעכט

7.

דאָס, וואָס ניט איז ניט בעדוייער
אויבערווינדע די צייטן, די שלעכטע מינוטן
און אויף דאָס פאַרגאַנגענע, ניט טרויער
דען ערלעבסטו, די יאָרן די גוטע

8.

מיר מענטשן, מוזן זיין, אַלע גלייך
דער יוגנט, פאַרגייט, דער עלטער קומט אן
אויב אָרעם, אָדער רייך
דיינקט איר מענטשן, נור דאַראַן...

די פייגעלעך.

1.

די ביטערע לאַגע, פון אונז פייגעלעך
מיר זעען אַלץ, ווי מ׳טוט פירן
מיר טאָרן אָבער ניט בליקן מיט די אויגעלעך
און טאָרן אויך, קיין זאַך ניט רירן

2.

מיר זעען, אַ שיינע וועלט
פאַר אונז, איז זי אָבער שלעכט
ווייל, וואו מיר האָבן זיך אפגעשטעלט
דאָרטן האָבן מיר קיין רעכט ...

3.

אַך גאָט, צו וואָס האָסטו אונז בעשאַפן
מיר פליען אַרום, אָט ווי דו זעסט
אַווירדע האָבן מיר, ווי די שקלאַפן
ניט וואו האָבן מיר א נעסט

4.

מיר האָבן, זעער אַשיינעם געפיל
אָבער ווי מ׳טוט אונז בעהאַנדלען
אַז מיר קענען ניט, פליען וואו מ׳וויל
און מוזן אימער וואַנדרען

5.

אויף רעכטן, האָבן מיר קיינע שטימען
ווייל מ׳האָט אַף. אונז א האַסע
יעדער טוט אַף אונז קרימען
און קומט גלייך מיט אַ שטראַסע

6.

פון אומעטום, טוט מען אונז יאָגן
מ׳הייבט געגען אונז, די קולאַקע
און מ׳באָט אָן שלאָגן
און שלאָגן גלייך טאַקע...

7.

מ׳הרגעט אונז מיט אַ שטיין
אונזער פּיפּצען, ווילען זיי ניט הערן
די קלייניקע פייגעלעך, בלייבן אַליין
און ס׳איז ניט דאָ, ווער זאָל זיי ערנערן

8.

מיר פליען, פון איין אָרט צום צווייטן
צו געפינען, אַ אָרט צו פערבלייבן
אום נאַרונג אָן צו גרייטן
זאָ טוט מען אונז ווייטער טרייבן

דער יוגענד.

1.

אַך דו ליבער יוגענד, גיך גייסטו אַוועק
אַ פערענדערונג אין אַלע גלידער
א גרויל' און א שרעק
ווייל דו קומסט ניט ווידער

2.

צום עלטער האָסטו מיר בעגלייט
איך וואָלט אַלעס פערשריבן
ווען איך וואָלט זיך מיט דיר לייגער געפרייט
אַז דו וואָלסט ביי מיר געבליבן

3.

מיינע געדאַנקען, בלייבן געטרייער
אָט ניט לאַנג בין איך געבאָרן
אַך יוגענד, ווי איך דיר בעדויער
ווי גיך, איך האָב דיר אָן געוואָרן

4.

אַך יוגענד, דו בינסט יעצט אַנדערשוואו
ס'איז געווים, ניט קיין ליגן
אַז דער עלטער, איז ניט אַזאַ גאַסט ווי דו
ווייל דו יוגענד, מאַכסט מער פערגניגן

5.

פון די ערשטע מינוט, בינסטו ביי מיר
דו בינסט פון אַלעס דאָס בעסט
ווי זאָל איך יעצט, זיך שיידן פון דיר
כ'וואָלט וועלען זיין אָן דיר פעסט

6.

פילע געדאַנקען מיין קאָפּ שפּאַלטן
איך קען דאָס ניט פערשטיין
ווי איך זאָל דיר פערהאַלטן
אַז דו זאָלסט, פון מיר ניט אַוועק גיין

7.

אַך יוגענד, יוגענד, צו ראַש אָבגעשלאָסן
בעסער ניט געוואָרן געבאָרן
ווייל איך האָב פון דיר ווייניג גענאָסן
און האָב דיר, זאָ גיך פערלאָרן

8.

אַך יוגענד טאַגע, ווי איר זייט פערלאָפן
דאָס האָב איך, גאָר ניט געוואוסט
און לעבן וואָלט איך ניט האָפן
אַז איך וועל האָבן אַזא בערלוסט

9.

איך קען שאָן יעצט פערשטיין
וואָס מיין בעסטער גליק
דער בעסטער גליק
איז דער יוגענד צוריק

10.

אַך יוגענד, דו טוכסט מיר פערשעמען
וואָס אַ טאָג איז מיין אומגליק גרעסער
דו בינסט אַוועק, זאָג מיר בײַ וועמען
איז דען דאָרטן, דיר בעסער

11.

דו בינסט בײַ מיר, ניט גערעכט
ווייל איך האָב דיר פערלאָרן
מיר איז יעצט, זייער שלעכט
איבער מיינע יוגענד יאָרן

אנטוואָרט פֿון יוגענד פֿאַר וואָס
ער גייט אוועק.

1.

מענטש דו ליבער, זאָרג ניט אַזוי
ס'קען ניט זיין, ווי דו האָסט געוועלט
בערעכען דיר, און פערשטיי
אַז ס'איז ניט דאָ קיין אייביק וועלט

2.

דו אַליין, דאַרפסט פערשטיין
דו קענסט דיר בויען הייפען
אַז דו בינסט געבאָרן, צום פערגיין
און איך יוגענד, מוז פון דיר אַנטלייפן

3.

איך יוגענד לויף איבעראַל
דיין האַרץ זאָל ביי דיר ניט קלעמען
מיר יוגעד, פערהאַלטן, פיר קיין פאַל
איך גיי פון דיר, און גיי ביי יענעם

4.

דיינע געדאַנקען, זאָלסטו צו שטרייען
עמפפאַנג, און האָב אים הערצער
אייביג קען מען זיך ניט מיט מיר פרייען
און יעצט ליב, דעם ליבען עלטער...

דער יאָר.

1.

דעם מענטשענס לעבן, איז אַף אַ האָר
אָט בליט מען ווי אַ בלום
און גיך לייפט אַוועק דער יאָר
אַז מ'קוקט זיך גאָר ניט אַרום

2.

אָט אָקערשט געבאָרן
אַף אַזאַ אויפן
צו זיין דאָ, און צו ווערן פערלאָרן
ווייל די יאָרן פערלייפן

3.

דעם מענטשנס לעבן, איז קיין שפּאס
קענסט מאַכען קונצן, אָדער שטיק
די יאָרן פערלייפן ראַס
און קומען ניט מער צוריק

4.

אַך דו יאָר, דו לייפסט אָן בעגלייט
האָסטו צו מיר אַ טענה, טו מאָן
וואָס פליעסטו אַוועק, און שיקסט מיר אַ צווייטן
וואָס האָב איך דען דיר געטאָן

5.

איך טו דיר דאָך ניט טרייבן
איך האַלט דיר דאָך פאַר עכט
דו קענסט דאָך, ביי מיר בלייבן
וואָלט מיר דאָך ניט זיין שלעכט

6.

איך רייד דייטליך, און קלאָר
איך גיב דיר, שוואַרץ אויף ווייסע
פאַרשטייי אַליין דו יאָר
וואָס דו האָסט מיר אָפּגעטאָן פאַר אַ מעשה

7.

איך רייד אַלעס אָפן וואָר
דו אַליין דאַרפסט פערשטיין
נאָר דו ליבער יאָר
וואָס ס'איז מיין געדאַנקען און מיין

8.

אַך דו יאָר, ווי דו פעראומגליקסט
אָט מיט דיין גיבען ריר
ווייל דו מיר אַ צווייטן שיקסט
און אַליין לייפסו פון מיר

9.

אין רייד נאָר ווען מ'טאָר
באַם טרינקען און באַם עסן
נאָר וועגן דיר ליבער יאָר
ווייל איך קען אָן דיר ניט פאַרגעסן.

.10

איך האַלט דיר דאָך פאַר אַ גוטן
איך וואָלט זיין אָן דיר אָנגעבונדן
איך ליב דיינע מינוטן
אויך דיינע שטונדן.

.11

כ'וויל ניט אַז זאָל קומען אַ נייער
כ'וויל ניט זיין פון דיר געשידן
ווייל דו ביסט באַ מיר טייער
בין איך מיט דיר צופרידן.

.12

כ׳וויל מאַכן נאָך פראָבן
איך קען ניט באַגרייפן
וואָס דו ווילסט פון מיר האָבן
אַז דו טוסט אַנטלויפן.

אנטוואָרט פון יאר, פארוואס ער לייפט.

.1

פאַרשטיי אַליין, דו ליבער מענטש
דו קענסט אַליין באַגרייפן
איבער דיס, און יענס
מוז איך פון דיר אַנטלויפן.

.2

דו מענטש, טו אַליין באַטראַכטן
ווי איך דאַרף, די ציינער שאַרפן
מיט דעם, וואָס זיי מיר פאַראַכטן
און אין גאַנצן, מיר פאַרוואַרפן.

.3

זאָג צו אַ מיידל האַלט
וואָס טוסטו שמאַכצן
און וויפיל בינסטו אַלט
זאָגט זי, נאָר געוואָרן אַכצן.

.4

אַלזאָ, בלייב איך יאָר עלנט
אנאַנדער אָרט, מוז איך מיר קויפן
ווייל איך יאָר. בין ניט געפעלנט
דעריבער מוז איך אַנטלויפן...

דער עראפּלאַן.

1.

ס'פליט אַ געביי אין דער הויך
אין אַלע וועלט ברעגן
אָנע פייער און אָנע רויך
טוט ער זיך באַוועגן.

2.

אונטער די וואָלקן, באַ פויגלן צוויסן
איז ער פאַראַן
פון דער הויך קען ער שיסן
דאָס איז וואָס מע רופט עראָפּלאַן.

3.

האָט מען דאָס, אַמאָל געטראַכט
אַז ס'וועט זיין, אַזעלכענע יאָרן
אַז ראַש און בעזאַכט
זאָל מען קענען, אין דער הויך פאָרן.

4.

אַמאָליקע מענטשן, מיינען אויך
אַז דאָס קאָן ניט געשען
אַז מע זאָל פאָרן אין דער הויך
ווייל מ'האָט דאָס קיינמאָל ניט געזען.

5.

פילע חכמים, גאָר אַן א ברעג
זיינען איצט געבאָרן
קענען אָן א וועג און אָן אַן סטעג
אין דער הויך פאָרן.

6.

עס אַרבעטן מאַטאָרן
און פליגלען אויך
דערמיט קענען זיי פאָרן
אַף דער ערד, און אין דער הויך.

7.

יעצט איז מענטשן, אייער ריי
צו באַמערקן, וויפל יעדער קאָן
אַז איר זייט אויך אַזוי
ווי דער עראָפּלאַן.

8.

איר פליט, און פליט ווידער
אום איר זאָלט, וואָס געפינען
און איר אַרבעט, מיט אַלע גלידער
ווי די גרעסטע מאַשינען.

9.

איר פליט, פון יאָר צו יאָר
מיט פילע מיען
אייערע קעפּ אַרבעטן ווי אַ מאַטאָר
און די געדאַנקען אייערע פליען.

10.

זייט דער מענטש איז געבאָרן געוואָרן
דיינגט ער נור דאַראַן
אַז ער זאָל אַרבעטן ווי מאַטאָרן
אויך, ווי דער עראָפּלאַן.

11.

איר פליט, יעדן אויגנבליק
מיט נייע פּלאַנען
איר וועט אַמאָל פאַלן צוריק
ווי די צובראָכענע עראָפּלאַנען.

12.

איר זאָלט ניט, צו שטאַרק אָנציען
די געדאַנקען, וואָס איז פאַראַנען
און זאָלט ניט אַזוי פליען
ווי די עראָפּלאַנען.

13.

יעדן אויגנבליק, געפינט איר זיך וואו
כאָצבע וואו די זון טוט גליען
טאָג און נאַכט, נעמט אייך קיין רוא
איר וואָלט אַלץ וועלן פליען.

14.

זאָ ווי אַ וואַסער וואָס איז אַרום אַ האָלעם
דאָרט שוועבן אַלער האַנט פישן
זאָ באַנאַכט אין חלום
פליט איר אויך, אין שלאָף דעם זיסן.

14.

אַלס מאַטאָר באַנוצט איר אייער מח
און אַלס פליגלען, אייערע הענט
לייגט ניט אַוועק דעם לעצטן כח
באַרעכנט, אַז דער פליען נעמט אַן ענד.

16.

קורץ פון אַלע געשיכטער
נאָמיר אַלע אַף איין זייט ציען
און טאַקע פאָלגן דעם דיכטער
און ניט אַזוי פיל פליען.

דער רובל.

1.

ס'איז דאָ אַ זאַך, וואָס דאָס עקסיסטירט
דערצו קען ניט העלפן, קיין בעל-מקובל
ווייל מאַנכע מענטשן, ווערן פערפירט
דאָס איז וואָס מע רופט רובל.

2.

אַך דער רובל, דער רובל
אַלע חסרנות, לייגט ער אָן אַ זייט
און מאַכט שיין, דעם גרעסטן מנובל
און מאַכט אים פאַר דעם גרעסטן לייט.

3.

פאַר אים איז אָפען, די גאַנצע וועלט
ער קאָן זיין כאָצבע וואו
ווייל ער האָט דעם געלט
איז וואו ער קומט נעמט מען אים צו.

4.

ער נעמט זיך, די גרעסטע דעה
ער האָט אַ לעבן פיינע
ווייל ער האָט די מטבע
איז די גאַנצע וועלט נאָר זיינע.

5.

אַך רוּבל, רוּבל, ווי דוּ טוּסט פּאַסען
ער קען זיין, דער שענסטער אין שטאָט
טוּט מען אים פֿאַרהאַסן
ווייל ער דיר רוּבל ניט האָט.

6.

מע גיט אים זייער פֿיל שמייכל
אוּן האָט אויך, אַלעס גענוּג
חאָצבע ער האָט גאָר קיין שייכל
אָבער דער רוּבל מאַכט אים קלוּג.

7.

פֿריער איז ער געווען דים אוּן יענם
זיינע געשעפֿטן טוּט ער בייטן
ווייל דער רוּבל, מאַכט אים פֿאַר אַ מענטש
דעריבער פּאַסט ער, צוּ די גרעסטע לייטן.

8.

צוּם רוּבל, קוּמען צוּ רוּבלס גיך
ער פֿירט אוים זיין בעגער
אוּן זאָגט זיך, ווער בין איך
אוּן בלייבט טאַקע, ער אוּן ער.

9.

אַך רוּבל, דוּרך דיר איז נויטן
מ׳לעבט אין גרעסטן קלאַפּאָט
מאַנכע מענטשן, טוּסטוּ אויך טויטן
ווייל ער דיר רוּבל, ניט האָט.

10.

מאַנכער איינער, איז צוּ דיר געגרייט
ער שרייט, וויינט, אוּן ברוּמט
איבער דיר רוּבל, בעקוּמט ער דעם טויט
ווייל ער צוּ דיר רוּבל, ניט קוּמט.

11.

וואָס פאַר אַ קראַפט, דו טוסט בעווייזן
דאָרטן וואו ס׳איז דאָ מעזומן
ברעכט מען איבער דיר אייזן
נאָר דיר רובל, צו בעקומען.

12.

מ׳דרייט דעם קאָפּ און מוח
די געזונט נעמט אַרונטער ווי אַ הובל
מ׳לייגט אַוועק דעם לעצטן כּוח
נאָר איבער דיר רובל.

13.

היינט איז גאָר אַנדערע צייטן
דער רובל מאַכט דעם מענטשן דאָל
אָן דעם רובל איז מען פון וייטן
ס,איז ניט ווי אַמאָל.

14.

אַמאָל האָט מען דערפון געלאַכט
מ׳טאָר ניט פרעגן קיין שאלות
אָן דעם רובל איז אויך געווען געאַכט
מ׳האָט נאָר געקוקט, אַף שיינע מעלות.

15.

יעצט מעלות, האָט גאָר קיין ווערט
עס טוט מאַנכען פערפירן
ווייל דער רובל, טוט רעגירן
נאָר ער ווערט בעגערט.

16.

גאָר אַסך, בין איך שוין מוחל
ס׳קלעגט ניט ווי מ׳זאָגט, די חלה אף א מוצא
איך בין שוין צו קורץ מיט שׂכל
אַלזאָ, ליבער רובל, גיב דו אַליין א עצה.

א בריף פון ארעמאן צו גאט.

1.

א בריף שיק איך אָרעמאַן, צו גאָט
דו ביסט איבער די וועלט איינער
דער די וועלט בעשאַפן האָט
אויסער דיר איז קיינער.

2.

מאַנכע זאָגן, אַז ס'איז ניט דאָ קיין גאָט
איך רייד אַלעם אָפּן באַר
און איך מאַך פון זיי א שפּאָט
דאָס דו ביסט דאָ, איז ווירקליך וואַר.

3.

גאָט, דו ביסט, א גערעכטער און געשעצטער
אַלע זיינען צום אָבשייד
אָבער דו, דער ערשטער, און דער לעצטער
אָב דו ביסט, און בלייבסט איז קיין רייד.

4.

דו האָסט געמאַכט, זייער וויכטיג
מיט דיין זאָג, איז אַלעם געשען
די וועלט האָסטו בעשאַפן, זייער ריכטיג
אָבער מיט איין זאַך, האָסטו פערזען.

5.

דו האָסט בעשאַפן, וועלדער און טייכן
וואָס גרייכט, פון צפון, ביז דרום
ס׳האָבן בעדאַרפט זיין אַלע אין איין גלייכן
ניט דער רייך, און דער אָרעם.

6.

פערשידענע ברואים, זיינען פעראַן
דו קענסט פון אויבן, אַלעמען זען
צו וואָס איז דער אָרעמאַן
ער איז גאָר ניט נ׳ויטיק געווען

7.

פון אָרעמאַן, מאַכט מען אַ גאַנצע קאָנציליע
מ׳פרעגט אים גאָר ניט וואָס און ווען
פיינט האָבן אים די אייגענע פאַמיליע
זיי ווילן אים אויך גאָר ניט זען

8.

מיט אַלעם בינסטו, ליבער גאָט גערעכט
דו פרעזענטירסט, מיט דיין פאָלק אידן
מיר האָסטו געטאָן שלעכט
אַלזאָ שטעל מיר אויך צופרידן

9.

דיר פרעגן פראַגן, וואָס איז שייך
אַלע האָבן פון דיר זייער זעט
אַלע האָבן בעדאַרפט זיין גלייך
דאָס איז נאָר, דיין אָרעמאַנס געבעט

10.

אַלע זילבער, און גאָלד, זיינען דיינע
איך קען דיר, נאָר דאָס פאָרשטעלן
דו זאָלסט מיר געבן. דאָס וואָס מיינע
אַז איך זאָל מיר ניט דאַרפן קוועלן

ד

11.

דו גיסט די רפואה, פאַר דער מכּה
דאָס איז ניט צו פערשטיין
צו וואָס איז נויטיק דער אָרעמאַן טאַקע
ס'האָט געקאָנט זיין, דער רייכער אַליין

12.

איבעראַל האָט דער אָרעמאַן שלעכטע שכנים
אַלע טוען אַף אים זידן
אַפילו אייגענע קינדער זיינען אים שונאים
ווייל ער קען זיי ניט שטעלן צופרידן

13.

גוט אַפן האַרצן, איז נאָר דעם רייכן
און מיין האַרץ, איז מיר בעטריעבט
איך האָב בעדאַרפט זיין אין זיין גלייכן
דען וואָלט מען מיר אויך געליבט

14.

מיינע אויגען, זיינען שוין טרוקען
דערפון וואָס מיר האָט געשען
אַז מיינער א ברודער, וויל אַף מיר ניט קוקען
און וויל מיר אויך ניט זען

15.

איז דאָס ליבער גאָט, דיינע יושרנעס
אַז דו האָסט מיר ביז דרערד געבויגן
האָב שוין אַמאָל אף מיר רחמנות
און עפען שוין אַמאָל, מיינע אויגן

16.

איך ענדיג יעצט מיין שרייבן
גוטעס פאַר מיר, איז ביי דיר פאַראַן
מיין גאָט, מוסטו בלייבן
פון מיר דיין אָרעמאַן

דער באַנקראָט.

1.

אַ נייע ערפינדונג, די וועלט האָט
מ'מאַכט מיט אַ נייע מעטאָדע
מ'רופט דאָס באַנקראָט
און דאָס איז העכסט אין דער מאָדע.

2.

מ'גיט שוואַרץ אויף ווייס פּאָרויס
די געשעפטן זאָל זיין וואָס גרעסער
און קיינער לאָזט דאָס ניט אויס
יעדער מאַכט וואָס בעסער.

3.

מיט באַנקראָטירן טוט מען זיך ניט שעמען
ס'קאָן טרעפען אויך הייטע
דאָס האָט אויך פערשידענע נעמען
מ'רופט דאָס אויך פּלטה.

4.

דאָס ווייסט מען גלייך, אַף אבארע
אז עס לייפען אויך פאָן ווייטע
אַ טומעל ביי די קרידיטארע
אַ צרה, ווידער אַ נייע פּלטה.

5.

מ׳שמועסט זיך, אַפּען פלאַץ
צו מאַכען זיך בעקאַנט
אום צו מאַכען אומזאַץ
מיט דעם פאַבריקאַנט

6.

ער מאַכט זיך אַ גרויסע ווייע
מיט וואָס נאָר בעסער
סחורה שיקט נאָר פרייע
טערמינעס נאָר גרעסער

7.

געשעפטן גייען אָבער ניט אַמבעסטן
ער האָט אַפּילו קליינע צער
אַז וועקסלען גייען פּראָטעסטירן
גלייך ביין נאָטאַר

8.

מ׳לייפט וואָס גיכער קאָנפעסקירן
אַלע קרידיטאָרע צוזאַמען
מ׳קען אָבער ניט רירען
ווייל עס האָט שוין אַנאַנדער נאָמען

9.

בעזינט זיך דער חכם, בעזינט זיך דער נאַר
ווייל ער האָט זיך ניט פערזאַמט
ער האָט זיך פאַרזיכערט פון געפאַר
און האָט זיך, אַרויס געראַמט

10.

היינטיגע צייטן, מוז מען דאָס מאַכן
נאָר, אַף אַ גרויסן באַנקראָט הייסט מען מאָלאָדיעץ
און, אַף אַ קלענערן, טוט מען נאָך אויסלאַכן
מ׳רופט נאָך פאָדליעץ

11.

עס רירט אָן אַלע בײנק
ס׳גיט אין פערשידענע פאַכן
באַנקראָט איז אַנאָנשטעכענדער קרײנק
אַז אַלע מוזן דאָס מאַכן

12.

ס׳איז געווען גרויסע קאָנקורענט
ניט פון אַבילע װעמען
אַלזאָ גיב איך פערציג פּראָצענט
און דאָס דאַרפט איר נעמען . . .

13.

געלעבט אַ לעבן אַ גלאַטן
אַ פּראָצעס צו פערפירן
טוען דערין אַדװאָקאַטן
מ׳קען אָבער ניט רירן

14.

מ׳הויבט אָן צו קלערן
װעגן אַלע זאַכן
װאָס דערפון קען װערן
מ׳דאַרף דאָך אָפּמאַכן

15.

אָט פון הײנט
ס׳מוז גײן אײנס, צװײ, דרײ
אַ האַנדל פון דאָס נײ
און װידער גוטע פרײנט . . .

דער שדכן.

1.

שדכן: גוואַלד וואָס ניט קענען אידן
גלייך פרעגט ער מיט ווערמען
מיט א בעל-מלאכה, איז קיינער צופרידן
ער טוט זיך דערמיט שעמען

2.

מחותן: איך רייד דבורים גלאַטע
נו דאָ הייבט זיך אָן א זאַך
זאָגט מיר שדכן, ווער איז זיין טאַטע
האָט ער נאָר א גוטן פאַך

3.

שדכן: בײַ אַזאַ שידוך איז אַ נסיון
אַ מענטש ווי אַ ריז
זאָל ער זיין ווער ער איז

4.

שדכן: אַך, גאָט דו מיינער
אַפילו ניט גאַנץ רייך
אָבער אַ חתן טאַקע אַ פיינער
און מיט מענטשן גלייך

5.

מחותן: נדן גיב איך אין ראַטעס
און אויך א מתנה א שנור פערל
וואָס איז אָבער דער טאָן דעם טאַטעס
הייסט ער אויך רב שמערל

6.

מחותן: איך רייד ניט אסך לײדער
פון די רייד ווערט א האָן
מיט קיין בעל-מלאכה, אויך קיין שניידער
אזא שדוך וועל איך ניט טאָן

7.

שדכן: נעמט אייערע שפּיקולן אַרויס פון שיידל
וועט איר מערקן אייער מיין
און קוקט אייך איין, אין אייער מיידל
דען וועט איר זען, אַז זי איז ניט שיין

8.

מחותן: איך זאָג אייך אַז ניט
אייערע רייד בריינגען קיין נוצן
אַזאַ שדוך, גאָט בעהיט
מיין פאַמיליע וועל איך ניט פערשמוצן

9

שדכן: גאָט זאָל געבן מזל וברכה
איך וואָלט אַפילו ריידן באריכות
גוואַלד, וואָס איז דען א בעל-מלאכה
די מלאכה נעמט ניט אַראָפּ דעם יחוס.

10.

שדכן: וויינען ווײנט איר, אָן אַזייט טייך
איר דאַרפט פאַרשטיין כלעבן
אז איר זייט ניט גאַנץ רייך
און פיל נדן קענט איר ניט געבן.

11.

שדכן: חלעבן, זייט זע מוחל
איר זייט שוין גאָר פערדאָרבן
ווייל איר רעט גאָר אָן שכל
אייערע מיוחסים, זיינען שוין דאָך געשטאָרבן

12.

מחותן: זיי פּאַסען זיך ניט בּיידע
איך וועל אייך ווייזן א פראָגבע
ווער איז געוועזן מיין זיידע
און ווער איז געוועזן מיין באָבע . . .

13.

מחותן: א שידוך טאָן איז ניט קיין שפּאַס
פון די שדכנימשע פליען
מ׳טאָר ניט מאַכן אַזוי ראַס
מ׳קאָן זיך לייכט פערבריען

14.

שדכן: אַך ווי בּיטער אַ שדכן צו זיין
די פיס ווערן, לייפענדיג געשוואָלן
און אַלע זלזולים, נעמט ער אריין
און דען וויל מען אים ניט בעצאָלן

15.

שדכן: ניין! קיין שדכן, וויל איך מער ניט זיין
וואָס דאַרף איך די שווינדלעך דריידלעך
וואָס דאַרף איך מיר שטעקן דעריין
זאָלן זיי זיצן די בחורים מיט מיידלעך

16.

שדכן: ניין! איך שטעק מיר מער ניט דערין
איך וועל מיר לעבן גאָר פאַר זיך
ניט קריגן אַזאַ שדכן ווי איך בין
זיי וועלן שוין שרייען אוואו בין איך . . .

דער פארצרהטער.

1.

איך בין דער פאַרצרהטער ·
גאָט, און זיין משפט זיינען גערעכט
קוקט דען אַף מיר ווער
אָ גאָט, ווי מיר איז שלעכט

2.

מיין האַרץ טוט אין מיר קלעמען
עלנד בין איך ווי אַ שטיין
אויס צו ריידן זיך, ניט דאָ פאַר וועמען
אָי! נאָר מיט זיך אַליין

3.

אַף וועמען זאָל איך מאַכן אַ קלאַגע
קען איך מיר דען גערולדיגן
אַף מיין ביטערע לאַגע
קען איך דען וועמען בעשולדיגן

4.

די וועלט, ווי שיין זי איז ווי פיין
נסים ווי איך דאָס אויס האַלט
נאָר באַ מיר בינסטו ווי אַ ציין
ווייל אַלע זיינען צו מיר קאַלט

5.

אַך ווי איך פינד מיר פערלאָרען
איבער די צרות, וואָס איך טראָג
דער טאָג וואָס איך בין געבאָרען געוואָרען
פאַרשאָלטן זאָל זיין, דער זעלבער טאָג

6.

אַך מיינע צרות, ניט דאָ געדאַכט
אַרום און אַרום, מיט צרות פערנומען
פאַרשאָלטן, זאָל זיין אויך די נאַכט
אין וועלכער איך בין אַף דער וועלט געקומען

7.

אַך דו גאָט אַז איך דערזע דיר
דיר האָב איך דאָך, צו געדיינקען
אַלע גלידער, ציטערן אין מיר
ווייל אין צרות, טו איך מיר טריינקען

8.

מיין שפייז איז נאָר מיינע טרערן
מיין קאָפּ טוט מיר שפּאַלטן
ווייל יעדן טאָג, אַף מיר צרות מערן
אַך גאָט איך קען ניט אויסהאַלטן

9.

אַך דו זון מיט דיינע העלע שטראַלן
דו בעלייכטסטעט די גאַנצע וועלט
זע אָבער ווי איך בין פערפאַלען
ווייל פאַר מיר, איז אַלעס פערשטעלט

10.

מיין פערלאַנג, און מיין בּעגערן
כ׳וואָלט אפשר בּעטען בּיי זיי
בּיי די לבנה, מיט אירע שטערן
זאָ לאַנג איך, אַף מיינע פיס שטיי

11.

איך בּין שוין, אין דרייען געבּייגן
קיינעם איז ניט אַזיי שווער
מיין בּלוט איז מיר שיין, אויסגעזייגן
פוּן מיר דער פאַרצרהטער

12.

פוּן צרות, בּין איך ווי אַ תּם
איך האָבּ נעהאָפּט, נאָר אין דיר
מיינע צרות, זאָל פאַלען אין טיפען ים
אי ווי שלעכט און בּיטער איז מיר

13.

מיינע צרות איז גאָר אָן אַשיער
איך קען בּענאַ, פוּן דער וועלט גיין
ווייל קיינער העלפן ניט מיר
אָ גאָט, העלף דוּ מיר אַליין

14.

אַך מענטשן, איך פרעג אייך אַ פראַגע
איר אַלע אָרעם און רייך
גוּט בּעטראַכט מיין בּיטערע לאַגע
דאָס ווינטש איך, אויך ניט אייך

די קויפּלייטעס צרות.

1.

נאָטעס וואונדער, איז אָן אַ בּרעג
דאָס איז געווען זיין ציל
צו געבּן שיינע טעג
און אויך זייער פיל

2.

די טעג צו ציילן, איז אַפּן דוץ
מיט פריידע, האָט ער געגעבּן
אום דער מענטש זאָל האָבּן א נוץ
אַף דער וועלט, ווי צו לעבּן

3.

טעג גייען אַוועק אַריי
און דאָס ווייסט מען וואויל
אז אַ שרעק, מאַכן נאָר טעג צוויי
וואָס פאַלט, אַף מאַנכן אַ גרויל

4.

עס לעבּן אַ וועלט מיט פריידע
און וואָס מאַנכן האָט געשעהן
דאָס איז פאַר אַנדערן אַ ליידע
וואָס ווילן צוויי טעג, ניט הערן און ניט זעען

5.

ווי לעבט מען איבער
אָט די טעג צוויי
ס,ברייגגט האָצבע צו אַ פיבער
מ׳ברומט מ׳שרייט אָי וויי

6.

זיי ווילן זיך אויספּאַינען
מוזן זיך אָבער קוועלן
ווער און וואָס זיי זיינען
וועל איך אייך דאָ פאָרשטעלן

7.

די טעג קוועלט זיי ניט פון הייטע
זיי גייען ניט אַפן זיכערן וועג
דאָס זיינען, יעצטיגע קויפלייט
וואָס שרעקן זיך, פאַר די צוויי טעג

8.

העלפט ברידער ווער
ס׳הייבט זיך אָן דער פּאַין
ס קומט שוין באַלד דער דרייסיגסטער
אָט דאָ פאַל איך אריין

9.

א קויפמאַנס לעבן, איז זעער שווער
זיין מוט איז יעדן טאָג טריבער
אָט דער דרייסיגסטער
ביז ער קומט אים אַריבער

10.

ער שלאָפט ניט ביי נאַכט
עס טוט אים שרעקן
וועגן דעם דריישיגסטן געטראַכט
ווי מ׳זאָל אים אויסמעקן

11.

אַז דעם קויפמאַנס לעבן
צייטנווייס קאַלט און הייס
א גמילות חסד, ווער קען געבן
אַז ס׳פאַלט מיר אָפּ די פלייש

12.

דער דרייסיגסטער דוקא
שפאַרט אים די אויגן בונט
דער פופצענטער ווידער אַ פריבאַוואָקע
וואָס נעמט אויך אַרויס די געזונט

13.

אַז די ביינק שיקן התראהס
זיינען זיי אין גרויסן געפאַר
לייפן זיי זוכן הלוואהס
צו היטן די וועקסלען פון נאָטאַר

14.

זיי זוכן אַלערהאַנט סברהס
און גיבן דעם שטערן אַ קראַץ
און שרייען, אַז אונזערע צרות
אַז מ׳קען ניט האַלטן פלאַץ

15.

זיי זוכן זיך אַ ראַט
צו רעטן דעם פערמעג
ס׳האָט זיי פערשאַט
די צוויי פינסטערע טעג

16.

מיר קויפלייטע טוען זיך שקלאַפן
דער קוואַל צו גרויס געוואָרן
אָט די צוויי טעג נאָר אָפּשאַפן
דען זיינען מיר ווי ניי געבאָרן

די אלטע מיט די נייע וועלט.

1.

דאָ וועט אַ ערקלערונג פאַרגעשטעלט
מיט אַ געדאַנק און אַ טיפן מיין
דעם חלום פון די אַלטע, מיט די נייע וועלט
דאָ וועט איר אַלע קענען פערשטיין

2.

יעצטיגע וועלט, איז מיט אַלעם גענוג
ס'איז געקומען, זאָגאַר ניט געשווינד
אָבער געבילדעט און אויך קלוג
זאָגאַר יעדער קליינער קינד

3.

יעדער מענטש האָט אַ שׂכל אַ פולען
אַמאָל האָט מען דאָס געטאַדעלט
דאָס האָט געמאַכט, יעצטיגע שולען
און דאס האָט אויך אויסגעאַדעלט

4.

יעצט איז גאָר אַנאַנדער זאַכע
מ'קען דאָך מיט אַ מענטשן ריידן
יעדער וויים דאָך, פון אַ שפּראַכע
און אויך זעער בעשיידן

5.

אַ שפּאַס היינטיגע צייטן
אַמאָל איז געווען אַלעס וויכטיק
ווי קומט דאָס, צו פערצייטן
דער לעבן איז געווען זייער ריכטיק

6.

פערצייטיקע געלטער, אַ פּיים, מיט אַ מאַרקע
מ'האָט ניט געדרייט דעם מח
מ'איז געווען, געזונטע און שטאַרקע
און מ'האָט געהאַט פיל כח

7.

נאָך לוקסוס, האָט מען גאָר ניט געשטרעבט
ווייל מען האָט ניט געוואוסט פון קיין שטאַט
דעריבער האָט מען לאַנג געלעבט
און קיין זאַך, האָט ניט געשאַט

8.

יעצט אָבער, קוים אַ רובל פערמאָגט ער
ווער איז אין זיין גראַד
גלייך לייפט מען צום דאָקטער
און ס'ווערט אַ גאַנצער פּאַראַד

9.

אַמאָליגע וועלט, דאַרף מען ניט דערמאָנען
זיי זיינען געווען, פון אַלעס פוסט
זיי זיינען געווען זאָלכע פערזאָנען
אַז פון קיין בילדונג געוואוסט

10.

אָבן זיי געוואוסט, פון אַדוואָקאַטן, אינזשעניערע
זיי האָבן קיין זאַך ניט געוועלט
נאָר געוואוסט פון טיטעל רב שמערע
דאָס איז געווען זייער גאַנצע וועלט

11.

אָבער היינטיגע וועלט, אַ שרעק אַ גרויל
יעדער מענטש, טוט בעגערן
פערשידענע שפּראַכען, איז יעדן אין מויל
אַז ס'איז אַ פריידע צו הערן

12.

נחת חלעבן, פולע הויפן שלעפּ
פערגניגענט, איז דאָ שאַכעם
ווי קינדער גייען, מיט די בלאַנקע קנעפּ
אַז ס'איזווירקליך אַ נחת

13.

פערצייטיגע וועלט גאָר אַ דומע
אַז מ'שטעלט פאָר, אַ פּאַרצייטיגען בילד
ווי זיי האָבן געלעבט ווי די שטומע
און זיינען געוועזן אין אלעם ווילד

14.

יעצט אָבער, איז יעדער מענטש בעלעזן
בילדונג, איז דאַן געוועזן ווי גיפט
זיי זיינען דאַן דום געוועזן
האָבן ניט געוואוסט פון קיין שריפט

15.

יעצטיגע חכמות, איז גאָר אָן אַ שיער
מ'דאַרף קיין זאַך ניט ראטן
מ'גיט ארויס אלעם אויף פּאפּיר
און מרעט אויך דורך דראָטן

16.

אָבער פערצייטן, געלעבט אָן א הוט אין אָן א פעדער
דאן איז געווען א לעבן א געטרייע
קיין דאטשעס און קיין בעדער
קיינער האָט ניט געמאכט, א קרומע הויה

דאַמען קעגען הערן.

1.

ס'איז צו לאַכן, אויך צו וויינען
אַף דאָס וואָס זיי מיינען
אַף זייערע פֿערקערטע שׂכלען
איז טאַקע נאָר צו וויינען

2.

מענטשן ריידן זיך איין
אַז דאַמען זיינען שלעכטע
און זיי זיינען גוט און פֿײַן
און בלייבן נאָך גערעכטע

3.

מ'טאָר נאָר ניט אויסזאָגן פֿון חדר
אַז מ'דאַרף זוכן פֿאַר זיי אַ ראַט
אַז זייער פֿירונג לײַדער
איז גאָר אָן אַ שטאַט

4.

זייער פֿירונג איז, אַף כפּרות
ווייל גאַנצענע נעכט
טוט מען כלה-צרות
און בלייבן נאָך גערעכט

5.

גיין גייט מען דאָרטן . . .
מ׳טוט זיך צו לאַנג זאַמען
און שפּילען גאַנצענע נעכט אין גאַרטן
און לאַכן נאָך פון דאַמען

6.

און קאָרטן איז נאָך דער עיקור
און זיינען נאָך בעזעשענע
און קומען נאָך אַהיים שיכּור
אָן אַ קאָפּייקע אין קעשענע

7.

אַז אָך איז, און וויי
עס טוען די אויגן פלאַמען
אַז דאָס קענען נאָר זיי
און לאַכען נאָך פון דאַמען

8.

די זאַך איז שוין צו בונט
ניט געפּראַוווט זאָל מען ווערן
ביליאַרד איז אויך ניט קיין הונט
גאַנצענע נעכט ביי די הערן . . .

9.

מ׳גייט זיך ווי די פּלאָנצעס
און דרייען געניוג דעם קאָפּ
דרייען אויך די וואָנצעס
אַרויף און אַראָפּ

10.

ס׳איז גאָר ניט געהערט
אין דער וועלט זייער פיר
וואָס קענען זיי האָבן פאַר אַ ווערט
א ווערט האָבן דאַמען, טאַקע נאָר מיר

11.

וואָס לעבן מיר אַזוי גלאַט
און זיינען אַלץ פאַרקלאָגט
אָט פרעגן אַ ראַט דעם דיכטער
לאָמיר הערן, וואָס ער זאָגט

12.

מיר דאַמען בעטן אייך זייט מוחל
זייט איר אונזער ריכטער
איר זייט דאָך, אַ מענטש מיט שׂכל
איר ליבער הער ריכטער

13.

אַנטוואָרט דער ריכטער, אַלעמען צוזאַמען
איר בעקומט דאַמען, אייער בעגערן
אַז אַ ווערט האָבן, נאָר דאַמען
און טאַקע ניט די הערן

14.

מיר גיט עפּעס יאָ אַ קימער
ווייל די זאַך איז צו בונט
און דאַמען זיינען אַ צירונג אין צימער
זאָלען זיי זיין געזונט

15.

די הערען האָבן ביי מיר אַ פערדאַכט
וועלען זיי מיר וועלען חאָצבע פערסאַמען
ווייל איך גיב זיי ניט קיין גערעכט
אַז רעכט האָבן אָבער דאָך די דאַמען

16.

אַלזאָ בעט איך אייך דאַמען פאָרויס
דאָס וואָס איך האָב פאַר אייך גערעט
זאָגט נאָר ניט די הערען אויס
אַז איך האָב פון זיי געשפעט

די הערעז געגעז דאמעז.

1.

מיר ריידן אַזוי גופע גלאַט
ס'איז צו ריידן וואָהל
פון די דאַמען מיט זייער שטאַט
אַז ס'איז ווירקליך אַ גרויל

2.

אָך וואָס זיי זיינען פאַר פערזאָנען
וואָס ברייננען זיי פאַר אַ נוץ
און וואָס זיי נאָר קאָנען
איז נאָר אַפען פוץ

3.

גוט בעטראַכט זיי נור
דען קענט איר זאָגן האָפּ
זייערע קעפּעלעך, מיט דעם פריזור
אַז דרייט אַרונטער די קאָפּ

4.

ווייסט זיי דער גוטער יאָר
וואָס זיי קלינגען נאָר, ווי אַ גלעקל
און פאַקען אַף די קעפּ האָר
אַז ס'איז גאָר אַן עקל

5.

זיי קומען אַריין אין גרעסטן וואוט
חאָצבע ביז די דעכער
ווייל ס'איז ניט דאָ אַ פעדער אין הוט
נאָר וואָס העכער

6.

זיי האָבן נייען מאָס רייד
און עסן זיך אוף ווי די שלאַנגען
פאַר וואָס ס'איז ניט דאָ די שענסטע קלייד
און א פעדער אין הוט אַ לאַנגען

7.

ס'זוכט נאָר נייע מעטאָדעס
די אַלטע וואַרפט מען אַראָפּ
יעדן טאָג נייע מאָדעס
אַז דרייט אַרונטער די קאָפּ

8.

ס'איז רעכט זיך אויפצוהייגען
גאָר ניט ווי אַ געשייטע
נאָר די מאָדעס אויסצובריינגען
שענער ווי די צווייטע

9.

אַז ביי יענע איז אַ נייס פאַראַן
דאָס דערזעט זי אין שפּאַצירן
דאָ קריינקט שוין דער מאַן
ביז זי מוז אויספירן

10.

ס'האָבן צו טאָן, לאַנד און לייט
ווי אַ פאַיער פונאַנדער געגליט
געפערלעך איז אָבער סעזאָן צייט
דאַמאָלט ווערן זיי ערשט צורירט

11.

אָי ווי מאַכט מען זיך נעט
דאָ נעמט מען אָן, דעם בעסטן ראַט
צוזאַמען קוועטשן זיך מיט דעם קאָרסעט
נאָר אויסצובריינגען דעם שטאַט

12.

אַקליינינקייט, וואָס זיי קענען
מ׳כאַפּט ווי צום שטוץ
די מענער, אפן פייער צו פערברענען
נאָר אויסצופירן דעם פוץ

13.

מ׳גייט זיך גאָר פּאַוואָלינקע
ווייל עס טוט זיי שטערן
וואָס די קליידער זיינען שמאָלינקע
האַלטן זיי זיך אָן די הערן

14.

אָט זיינען אידישע טעכטער
וואָס האָבן אַ פערלאנג
צו קייכן פאַר געלעכטער
מיט זייער מעשוגענעם גאַנג

15.

מאַנכע האָבן נאָך ניט אָנגעביסן
מיט דעם לידיגן מאָגן
און די ציינער פערביסן
ווייל מ׳קאָן ניט אויסזאָגן

16.

גאָמיר טאַכע ווידער קערן
מיר זאָלען ניט פערזאַמען
אז ריכטיק לעבן נאָר די הערן
און ניט די דאַמען . . .

פורים.

1.

ליבע לעזער, ברידער און שוועסטער
לעזן מוזן מיר דאָס איבעראַל
אנאַלטע געשיכטע, מגילות אסתר
געאָפּפערט האָט זי זיך פאַרן כלל

2.

אַסך געטרויערט, און געוויינט
טאָג און נאכט, ניט געשלאָפן
אויסגעפירט, וואָס זי האָט געמיינט
דערפאר האָט גאָט איר געהאָלפן

3.

איר יוגענד, האָט געליטן אסאך שמערצען
צרות אף די גרעסטע וואָג
איר פאָלק, געליבט, פון טיפן הערצן
דערפאר, מוזן היטן איר נאָמענס טאָג

4.

פאַסטן דארף מען, דעם תענות אסתר
די גזירה, איז ניט געווען, פאר איר אליין
פורים וועט בלייבן, א יום-טוב דער גרעסטער
איר גליק איז געווען, נשאת - חן

5.

זי איז געווען איפת-תואר
געזונגען האָט זי דעם טרויער לידל
צום אָנדיינק איז, דער המן דרייער
און געליטן האָט דער אָרעמער אידל

6.

מרדכי איז געווען זיין נאָמען
מיט אסתרן האָט ער גערעט אָפען אויער
אין האַרצן האָט געשטאָכן דעם צורר המן
אז ער האָט געזען מרדכן ביין טויער

7.

געפועלט האָט ער ביי אחשורוש
אחשורוש, איז געווען, דאַמאָלט אָפן פוס
האָט ער אַרויסגעגעבן, גרויסע גזורות
מהודו, ועד כוש׳

8.

געוועלט האָט ער אויסהרגענען אידן
מיט זיינע ביטערע גערוסען
גאָט, איז אָבער ניט געווען צופרידן
אַז ס׳איז געוואָרען אַ טרויער אין שושן

9.

די גזרה, האָט געקלונגען ווי אַ גלאָק
המן, האָט געגעבן, אַ האַלבן פערמאָג
מרדכי, איז געגאַנגען, בילבוש שק
און אידן האָבן געפאַסט דריי טאָג

10.

אסתר האָט געמאַכט אַ באַל
המן, געטרונקען אַ ביסעל איבעריגע
האָט ער געגעבן אַפן בעט אַ פאַל
דאַ האָט אָן געהויבן זיין הרגה

11.

געוועלט האָט ער מאַכן, פון אידן א שפּאָט
איז דאָרטן געוואָרן אַ יללה
געמוסט אָבער פירן מרדכן איבערן שטאָט
דאָס איז געווען זיין מפּלה

12.

אידן צו טאָן איז ער געווען אַ בעלן
מרדכן, איז ניט געווען קיין מניע
המן, האָט אָן געפאַנגען צו פאַלן
און גלייך אים געפירט צו דער תליה

13.

אַחשורוש, האָט געפרעגט, אסתרס פערלאַנגען
דאָס האָט ער ניט געהאַלטן אין זין
אַז המן וועט ווערן געהאַנגען
און אויך זיינע צען זין

14.

פון המנס מפּלה, טוט קלינגען
לאָמיר אַלע אין איינעם
שושנת יעקב זינגען
און שיקן שולח מנות לאביונים

15.

מיר האָבן דאָך, קיין אַנדער ברירה
געלויבט און געדאַנקט איז זיין נאָמען
נאָמיר לויבן דעם בורא
אַז ער האָט אונז דערלייזט פון צורר המן

16.

מיר זיינען לייז פון זיינע יסורים
מיר מוזן אים האַשען
טרינקט ברידער, היינט איז פורים
און אויך עסן המן טאַשן...

פסח.

1.

ליבער לעזער, שוועסטער, און ברידער
ס׳איז פערלאָפן, פיר וואָכן
יעצט ערצייל איך, די אַלטע געשיכטע ווידער
ווי מיר זיינען לייז געוואָרן, פון שלעכטן שכן

2.

אַ איד לעבט איבער. פערשידענע יסורים
אָבער, מיט זיין יחוס, איז ער בעזעשען
ניט לאַנג, געלייענט, אַ מעשה פון פורים
וואָס מ׳קאָן דאָס ניט פערגעשן

3.

מיר שטילן זיך נאָר, מיטן אָי נוא
פורים מוז ביי אונז זיין שמחה וששון
אָבער, בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותנו
און וואָס בלוט, אונזערע, איז פערגאָסען

4.

אין מצרים איז אונז געווען, ביטער און חושן
ס׳איז געווען א גרויסע הכבדה
דעריבער האָבן מיר א יום טוב פסח
דאָס וועט אונז ערציילן די הגדה

5.

אַ איד רירט אוף, אַלטע מעשה׳ס
לאָזט אָבער אוועק אויך געשווינד
און דאַרויף פרעגט ער פיר קשיות
און פרעגן, פרעגט נאָר א קינד

6.

צום סדר מוז מען, אַלץ אָן גרייטן
און מה נשתנה, די נאַכט פאַר אַלע נעכט
דאָס מוז פרעגן, איינער דעם צווייטן
ווייל אידען זיינען געווען אין מצרים קנעכט

7.

שבכל הלילות: אַלע נעכט, עסן מיר ווי אַף אַ דאַצע
און די נאַכט פון פסח נאָר מצה
שבכל הלילות: עסן מיר געדיכטע, אָדער שיטערע
און די נאַכט פון פסח, נאָר ביטערע
שבכל הלילות: קענען מיר זיצן, אָט ווי מ׳דאָס נענט
אָבער די נאַכט פון פסח נאָר אָן געלענט
איך וואָלט אַפילו פרעגן כופל כופלים
אָבער דער תירוץ איז, עבדים היינו לפרעה במצרים

אַפן טיש די זילבער, דעם גאַנצן פערמעגן
דען הויבט מען אָן, די הגדה צו זאָגן

8.

ביין סדר געווינטלעך, איז מען ניט אַליין
און דערציילן אַז פרעה איז פון די לײדאַקעס
ביי די עשר מכות, בלייבט מען שטיין
און מ׳גיסט אָפּ, פון די עשר מכות

9.

מ׳דאַרף קיין זאַך, ניט פערגעסן
זאָגן די הגדה, גאַנץ בעשיידלעך
אָבזאָגן ביז הלל, און עסען
מרור, כורך, און אויך קניידלעך

10.

אם סדר מוז צו גיין זייער פיין
ווייל דער פסח, קאָשט אָפּ עטלעכע פיים
מ׳מאַכט לייז די טיר און לאָזן אליהו הנביא אַריין
דער מאָנען ווי אַמאָל האָט מען געקנעטן די לייס

11.

נאָך דעם עסען, הגדה ווידער זאָגן
די אַלטע געשיכטע, ווידער בעגייט
דער זייגער האָט שוין, עלף געשלאָגן
קינדער וואַרפן שוין די קעפּלעך אָן א זייט.

12.

איצט זאָגט מען שוין אין דער גיך
ס׳דויערט ניט מער ווי א האַלבע שעה
אחד אני יודע, איין זאַך ווייס איך
מיט געזאַנג זאָגט מען, כי לו נאה.

13.

דאָס איז קיין קאַטאָוועס
אַז מיט איין בליקעלע
האָט גאָט, געקיילעט דעם מלאך המות
און דער טאַטע האָט געקויפט, פאַר צוויי גילדן א ציקעי

14.

דעם פסח מוז מען פיין בעגלייטן
דען ס׳איז נאָר דאָ צוויי סדרים
ווי ביין ערשטן, זאָ ביין צווייטן
כשר און ריין, ווי ביי רייכע, זאָ באַ אָרעם

15.

פאַר פסח מורא איז און נוצע דבורים
אלע מורא׳ס גייט אוועק
ווייל מיר האָבן ליל שימורים
זיינען מיר דאס אַלע אָנע שרעק

שבועות.

1.

זאָגט מיר אַלע, ברידער און שוועסטער
מיט וואָס איז דער שבועות, אַ יום טוב דער בעסטער
ווייל פון אים האָט הנאה דער קלענסטער
און אויך דער גרעסטער

2.

אַ איד טראָגט אַריבער, די גרעסטע גזרה
שבועות איז, איבער מתן תורה
מלאכים האָבן געטאָן ברומען און שוועבן
פאַרוואָס האָט מען, אידעז, די תורה געגעבן

3.

קיין אומה, איז געקומען, צו אַ טאָלק
די תורה האָט מען זיי אויך אָן געבאָטן
אָבער אידען זיינעז די ערשטע פאָלק
ווייל זיי האָבן זיך גלייך בעראַטן

4.

קיינער איז דערצו געקומען
זייערע שכלען זיינען געווען צו שוואַך
אידען האָבן אָבער גלייך צוגענומען
ווייל זיי האָבען ערקענט פאַר. אַ גוטע זאַך

5.

אין דער תורה, איז גליקען פעראַנען
מיט מצות אַרום פערנומען
אידען האָבן גלייך פערשטאַנען
און אויך גלייך צום באַרג סיני געקומען

6.

זיי האָבן גלייך געזאָגט, אַז מיר בעגערן
מיר וועלן האַלטן די תורה פעשטער
האָבן געזאָגט, מיר וועלן טאָן און הערן
דעריבער איז שבועות, אַ יום טוב דער בעשטער

7.

די תורה איז, די בעשטע סחורה
געקומען איז זי ניט פון ווייט
גוט איז אונז אַז מיר האָבן אַ תורה
דעריבער איז שבועות, אין אַשיינע צייט

8.

איך איד טראָג אריבער דונערן בליצן
די תורה וועט מיר היטן, דאָס בין איך זיכער
שבועות מיט די תורה, וועלן מיר שטיצן
נו ליבער שבועות, קום שוין גיכער

תשעה באב.

1.

דער איד האָפט, ביז די לעצטע יאָרן
פון דעם האָפן קען ער ווייניג געניסן
ער לעבט אַריבער, די גרעסטע געפאַרן
שווייגט און דריקט, די ציינער פערביסן

2.

א איד איז נאָר ווי אשכן
צרות און פּיין, אָן א ברעג
אנומעט איז אין די דריי וואָכן
נאָך מער אומעט, אין די ניין טעג

3.

ס'קומט שוין אָן דער ניינטער טאָג
דערמאָן זיך דו איד
ווי דיין לעבן איז געווען אין זאַלאָג
ווי מ'האָט דיר געשניטן גליד פאַר גליד

4.

געליטן צרות און נייטן
נים קוקנדיק אַף אָרעם אָדער רייך
געשלעפּט, אין בבל אין קייטן
און געזעסן, ביי בבלער טייך

5.

טויזענדער געדאַנקען, דעם אידנס פּליען
וועגן ירושלים, די הייליגע שטאָט
געוויינט געיאָמערט, אַז דערמאָנט, אָן ציון
ווי זי איז געבליבן, צו שאַנדע און שפּאָט

6.

ירושלים, אין דיין שוץ, זיינען מיר געזעסן
אין דיר געלעבט, א לעבן א ברייטן
יעצט קענען מיר אָן דיר נים פערגעסן
ווייל ביי דיר וואַר קיינע נייטן

7.

ס'האָט אונז געזעטיגט, די מילך מיט האָניג
אַלעס וואָס מיר האָבן בעגערט
און איז געקומען אַ בעל רחמניק
האָט אונז אַלעס צו שטערט

8.

ציון, ציון, דו הייליגער אָרט
מיר האָבן דיר אויסגעקליבן
ווייל דו בינסט, דער בעסטער סאָרט
און דען זיינען מיר פון דיר פערטריבן

9.

פון דיר שטאַמט דאָך די הייליגע תורה
דו דאַרפסט דאָך, נים קיין שתדלנות
זע ווי מיר זיינען אין דער מורא
האָב דו דאָך, אַף אונז רחמנות.

10.

ירושלים מיט ציון, איר ביידע צוזאַמען
זעט ווי אַלע אונז פערשעמען
מיר וואַרטן אף אייך, ווי אַף א מאַמען
איר זאָלט אונז, צוריק צונעמען

11.

ירושלים, און ציון אַנטוואָרטן.

ישראָליק, מיין ליב קינד
גלויבע וואָס אַמאָל האָט געשען
דאָס איז איבער דיינע אייגענע זינד
מוסטו איצט מיט דיינע אויגן זען

12.

מ׳האָט דיר געשניטן און געשטאָכן
מ׳האָט ראַבירט, דיין פערמעג
ווייל דו ניט גלויבסט, אין די דריי וואָכן
און ניט אַכטעסט, די ניין טעג...

13.

ציון זאָגט: ישראליק מיין קינד, דו ווילסט דיין טראָן
אין דער פרעמדר האָסטו זיך בעזעצט
און פון דיין אמונה מאַכסטו אַ האָן
דו זאָגסט אַז צום בית המקדש האָסטו ניט צוגעזעצט.

14.

ישראליק מיין קינד, אַזוי קען עס ניט גיין
דו דאַרפסט וויסן, אז עס פאָדערט אַ ערב
דעם אָנוועך דאַרפסטו אליין פערשטיין
פון דאָס, וואָס ס׳איז געוואָרן חרוב

15.

אַך וואָס דו האָסט אָן געוואָרן
ס׳האָט געקאָנט זיין אַלעס בעגאַנד
אַזוי פיל צדיקים פערלאָרן
און אייך דיין פאָטערלאַנד

16.

זע ווי דו האָסט ניט קיין ווערט
ווי לאַנג וועסטו זיך אַזוי קוועלן
אַלע פרנסהס ווערט דיר געשטערט
דיין פאָטערלאַנד, דאַרפסטו שוין וועלן

צו ראש השנה

1.

מיין גליקוואונטש, זאָל גיין איבעראַל
איך מיין דאפיר ניט קיין געלט
איך גיב אומזיסט, דעם גאַנצן כלל
וואס זיינען צעשפּרייט אין דער וועלט

2.

איך גיב אייך, א נייע מתנה
פון האַרצן רעכט געָרן
צו ראש השנה
זאָל אָנגעשריבן ווערן

3.

גאָט זאָל אייך היטן, מאש, וממים
אויך פון על-חטל
אָן שרייבן אייך, אַ שנת חיים
און געבן אייך, אַ גוטן צעטל

4.

ס׳זאָל לייכטן, יעדן אַפּאַראַט
ווי די זון מיט די לבנה
וואָס יעדערער וואַרט
פון ראש השנה

5.

איך פרעג גיט, וואָס און ווער
אויך נאָר אַ לייכטן לעבן
דאָס איז דאָך אייער בעגער
זאָל אויך גאָט, אייך געבן

6.

איך ווינטש אייך אַלעס וואָס פאַשלעך
זאָל אויך קומען וואָס ראַשער
דער זכות פון תשליך
וואו איר גייט ביין וואַסער

7.

ראש השנה, דו נייער יאָר
דו האָסט די שטעלע בעטרעטן
היט אונז פון אַלע געפאַר
אויך דאָס וואָס מיר בעטן

8.

מיר בעטן דיר אַ חוב
און גאָר אַ קליינע ווײלע
זיי פאַר אונז אַ מליץ טוב
ביי בית-דין של מעלה

9.

פאַר אונז איז קיין אַנדער געווער
נאָר טרערן, קולות, און געוויין
צו בעטן אונזער בעגער
נאָר פון דיר אליין

10.

מיר האָפן צו ראש השנה
אז אונזער געבעט וועט גאָט הערן
דאָס וועט זיין אונזער מתנה
פון גלות, אויסגעלייזט צו ווערן

11

היט אונז גאָט, פון אש וממים
דאָס געבּעט פון גאַנצן לאַנד
ניט דבר, ניט חרב, נאָר חיים
זאָלסטו געבּן, מיט דיין רעכטע האַנד

12

די תשליך האָבּן אויך א זין
זייער זכות, זאָל אונז בּלייבּן
און אונז פאַרשטיין בּיין יום הדין
און א שנת חיים אָן שרייבּן

דער שופר.

1

דער שופר מיט זיין שיקזאַל
פיל סודות אין אים שטעקן
אַז דעם גאַנצן כלל
קען ער ערוועקן

2

דער שופר, מיט זיין קראַפט
נאַטור איז ער ניט מיאוס
ווי ער אָבּער פרומקייט פאַרשאַפט
מיט זיינע טרויעריקע תקיעות

3.

ער ערוועקט אַפילו אַ כופר
אַז ס׳איז, ווירקליך אַ חיות
אַ קראַפּט ער האָט דער שופר
דורך זיינע תקיעות.

4.

דעם שופר׳ס קול פון ווייט
ווילען אַלע גערן
אַפילו ניט פרומע לייט
לויפן אים הערן

5.

דער שופר גיט אחרוז
מיט זיינע דריידלעך
אים הערן איז אַ מוז
אַפילו ביי ווייבער און מיידלעך.

6.

מ׳לייפט אים הערן
פאַר דעם עסען
און פון די אויגן טרערן
דאָס מאַכן אויך אינטערעסן.

7.

דער בעל תקועה, אָנע נאָמן
גאַנץ איינפאַך, נאָר הויך
ער צו טומעלט דעם שטן
ער זאָל ניט האָבן קיין כוח.

8.

איבער דעם שופרס שיגנאַל
שטייען אַלע ווי פאַרציטערט
ניט אין איין וואָרט, זאָנדערן איבעראַל
זיינען אידען פאַרביטערט.

סוּכּות.

1.

איך סכּות, דאַרף ניט זיין בּעטריבּט
ווייל איך האָבּ, אַלע שפּייזן פאַרשאַפּט
דעריבּער מוּז איך זיין, בּאַ אַלעמען בּעלי
ווייל מיינע שפּייזן, גיבּן אַ קראַפט.

2.

פּסחדיקע שפּייזן, האָבּן קיין קראַפט
פּסח אַליין איז ניט פּעראַכט
זיינע שפּייזן גיבּן גאָר קיין קראַפט
ווייל מ׳ווערט גאָר אָפּגעשוואַכט.

3.

איך סכות, קען בּעהעפטן
יעדן מענשן, נאָך זיין געפיל
יעדער מענש, בּעקומט קרעפטן
ווייל ער קען עסן וואָס ער וויל.

4.

איך סכות, מאַך פערגניגן
דער מיט קענט איר זיין בּעזעשענע
ווייל וואָס אייך געלוּסט קענט איר קריג
אַז פעלדער, גערטנער, זיינען אין קעשענע

.5

מיר סכּות, דאַרפט איר בּעערן
דאָס איז אייך דאָך בּעוואוסט
אַז איך טוא אייך ניט שטערן.
עסט און טרינקט וואָס אייך געלוסט.

.6

איך סכּות, טוא מיט א'יך אַ פּעולה
קאָרן, ווייצן, האָבּער, גערשטן
קלייטן, קעלערן, זיינען פולע
קאַרטאָפל, צימעס, זעפטער, אַמבּעסטן.

7.

זאָגט אַלע, דאַרפט איר מיר ניט קיסן
לאָמיר ריידן אין דער טאַט
וואָס אייך געלוסט, קענט איר געניסן
אויך יעדער אָרעמאַן, איז בּיי מיר זאַט

8.

ס'וועלקען שיין בּלומען, און בּיימלעך
ווייל זיי זיינען דערצו געבּאָרן
עסט און טרינקט, זייט אויך היימלעך
דאָך האָבּ איך סכות אַ חיסרון

9.

מיין חיסרון קען מען בּאַלד פּערגעסן
אַז איינער טוט אַ סוכּה בּעשטעלן
ווייל ער וויל אין סוכּה עסן
און דעם צווייטן איז ניט געפעלן

10.

איינעם קען עס זייער פּערדריסן
ווייל אין סוכּה, האָט רעגן געגאָסן
האָט ער ניט געקענט פון סוכּה געניסן
אָבּער אַ חלק האָט ער אין לו-יסן

11.

דער איד האָפט נור אַף עולם הבא
ער לעבט אַריבער, דחקות און נייטן
ווייל זיין האַנדל איז מיט כל הבא
דערלעבט ער קוים, איין יום טוב דעם צווייטן

12

אָט האָבן מיר סכות ערוואַרט
אויף רירן אונזער הדרכה
און טאַקע ניט זיין גענאַרט
און גיין באַ וועמען אַף ברכה

13.

דאָ הייבט זיך אָן אַ עסק
דעם באָרד טוט ער זיך גלעטן
צו גיין האָט רב יעקעל קיין חושק
ווייל מ׳האָט אים ניט געבעטן

14.

אלץ איז ניט, הבל הבלים
די מאָדע איז ניט פון היינט
אַז די פלעשל בראַנפן מאַכט אַ שלום
דען די פלשל איז דער בעסטער פריינד

15.

גאָר מיט א נייע פרייד זיך צונומען
מ׳האָט זיך אָנגעפאַנגען צו ווינקען
אַף די שמחה וואס רב יעקל איז געקומען
האָט מען פון דאָס ניי אָנגעפאַנגען טרינקען

16.

לאָמיר טרינקען, חאָצבע ביז טייט
ווייל מיר האָבן, אַ נייעם אינטרעס
סכות, האָבן מיר שיין באַלד בעגלייט
און מאָרגן האָבן מיר שמיני-עצרת

שמיני עצרת

1

שמיני עצרת, הייסט, א יום טוב אפארטער
צו ליב דעם דארף מען אביסל אין מויל פלאנצן
און ניט זיצן ווי א פארשפארטער
און טאקע אביסל אוף טאנצן

2.

מ'דארף זיך אביסל איין לעבן
און נעמען אין מויל א ברעקל
די בעלהביתטע זאל צום טיש וואס געבן
האט געשריען דער פרומער רב יעקעל.

3.

מיר זיצן אף די זאפעס
טאקע ווי די באראנעס
ס'איז שיין צייט, צו גיין מיט הקפות
און קינדער קומט מיט די פאנעס.

4.

מיט די הקפות, גייען אלע אין רייען
גאט, איז דערמיט זייער צו פרידן,
ער טוט זיך דערמיט זייער פרייען
טאקע נאר מיט אונז אידן

שמחת תורה.

1.

לאָמיר טרינקען בראָנפן גראד
ווייל די תורה איז, די בעסטע סחורה
צוליב איר טאַנצן אַ קארעהאד
ווייל היינט איז, שמחת תורה.

2.

טרינקט ברידער, היינט איז צייט
פאַר אָרעמע און רייכן
אַלע זאָרג, לייגט אָן א זייט
ווער איז היינט אין אונזער גלייכן

3.

היינט קענען מיר טאָן, וואָס מיר ווילן
טרינקן ביז מיר וועלן פרייכן
קלאַפן מיט די פיס אין די דילן
ווער איז היינט, אין אונזער גלייכן

4.

היינט האָבן מיר אַביסל אין קאָפּ
פּאַקט ברידער אין קעשענע אַריין
כאַפּט די ציכעס פון טאָפּ
אָי ברידער מאָרגן וועט גאָר ניט זיין...

חנוכה

1.

די הייליגער איד ניט פערגעס
אַז מיר האָבן צו געדיינקען
ווייל חנוכה איז דער גרעסטער נס
גאָט האָט, און וועט, אונז דעם לעבן שיינקען

2.

ס׳וואַר אַ יאָמער און קלאָג
מיר האָבן געקענט שווינדן
דעם אָנדיינקן מוז מען האַלטן אכטאָג
און אויך ליכט אָן צינדן

3.

חנוכה אמצוה צו מאַכן אַ באַל
ס׳דאַרף זיין אומגעפער
אָנצינדן ליכט, אָבער ניט אגאל
יעדן טאָג איינע מער

4.

די ערשטע ליכט, הייסט, ערשטע ליכטל
ס׳האָבן צו געדיינקען, לאַנד און לייט
דאָס איז אַפילו, אן אַלטע געשיכטל
דאָס וואר, אין מתיתיהוס צייט

5.

ס'איז אופגעשטאַנען א מלכות א שלעכטער
און געוואָרפן אף אידן א מורא
געוועלט בלייבן א גערעכטער
און פאַרניכטן, די הייליגע תורה

6.

מיר האָבן באַקומען א נאכריכט
אַז מיר זאָלן די שטוב מיט ליכט באַפּוצן
וועגן די נסים, צינדן מיר ליכט
אָבער, מיר טאָרן דאָס ניט באַנוצן

7.

מיר מעגן דאָס, נאָר זען אליין
ווייל מיר זיינען אידן
מוזן מיר פאַרשטיין אַליין
און זיין מיט אַלעם צופרידן

8.

וויפיל מאָל האָט מען אונז צוריסן
און זיינען דאָך, נאָך ווי פאַרשלאָפן
מיר וועלן נאָך לעבן, א לעבן אַ זיסן
דארוף קענען מיר נאָך האָפן

9.

א איד, אף א שמחה איז ער זייער הילחיקס
ווייל, לעקעך מיט שנאַפּס עטלעכע גלעזלעך
בנוכה אָבער, דאַרפן עסן מילכיקס
און אופבייסן גוטע קעזלעך.

10.

קינדער וואַרטן דאַרוף א יאָר
צו שפילן מיט קנעפלעך דערבייי
אויך צו שפילן מיט א גאָר
און א האלבן טאָג פון חדר פריי

11.

אף חנוכה, רעדט קיינער א ווערטל
מ׳פערגייט זיך אָן א זייט
דאָרטן שפּילט מען א קערטל
דאָס טוען אויך פּילע לייט

12.

מלמדים: גייען אויך אַרום אין געסט
זיי מאַכן זיך זייער חן-ניק
אין דער חדר איז דאַן פעסט
איז אַכטאָג, נאָך פאַר זיי ווייניק

13

דער חנוכה: איז פאַר מלמדים ווי געבאָרן
א האלבן טאָג, און מאַכן נאָך געשווינדער
אַז פון חדר לייז געוואָרן
א׳ז באַ זיי די שמחה, ווי באַ קינדער

14

דער חנוכה, מאַכט מאַנכן פאַר מחבלים
מאַנכער איינער, האָט דאָס געוועלט
ס׳לעבן אוף אַלע מקבלים
צוליב די חנוכה געלדט

15

מלמדים: זייט ניט ווי די פאַרטראַכטע
זייט ניט ווי פאַר פראָרן
היינט איז שוין די ליכטל די אַכטע
מאָרגן איז אוים די זיבן גוטע יאָרן

16

היינט איז נאָך, א ביסל גרינגלעך
אָך, שומר ישראל, דו היטער
נאָר פאַר מלמדים, און אויך אינגלעך
ווייל ס׳פאַנגט אָן דער חדר איז ביטער.

Tipografija „Splendid"
Rīgā, Kungu ielā 21